**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול שענקט $166 מיליאן אין גרענטס צו 187 וואסער קוואליטעט פראיעקטן איבער די סטעיט

***$101 מיליאן געשאנקן צו פראיעקטן וואס בענעפיטן ענווייראנמענטל גערעכטיגקייט קאמיוניטיס***

***געלטער צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפרעסטרוקטור, פארמינערן קלימאט טויש, קעמפן קעגן שעדליכע אלגאל שפראצונגען, באשיצן טרינקן וואסער, און פארמיידן מעגליכע פארפעסטיגונגען***

***EFC וועט אוועק נעמען באפעלקערונג גרעניץ, ערלויבענדיג גרעסערע מוניציפאליטעטן צו קאנקורירן פאר שוועריגקייט געלטער***

גאווערנאר קעיטי האקול האט היינט געמאלדן אז מער ווי $166 מיליאן ווערט געשאנקן צו 187 פראיעקטן צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט איבער די סטעיט. די שענקונגען שטיצן פראיעקטן וואס וועלן העלפן באשיצן טרינקן וואסער, דערהיינטיגן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור, קעמפן פארשפרייטערס פאר שעדליכע אלגאל שפראצונגען, און פארבעסערן וואסער האביטאט דורכאויס די שטאט. מער ווי $101 מיליאן פון די געלטער וועט שטיצן וואסער קוואליטעט פארבעסערונגען פאר ענווייראנמענטל גערעכטיגקייט קאמיוניטיס, וואס זענען שוין מער אפעקטירט פון ענווייראנמענטל פארפעסטיגונג.

"ניו יארק'ס רעקארד אינוועסטירונג אין וואסער קוואליטעט טוט ווייטער באשיצן ניו יארקער'ס געזונט, די עקאנאמיע, און קוואליטעט פון לעבן," האט **גאווערנאר האקול געזאגט.** "קאמיוניטיס דורכאויס די סטעיט וועלן בענעפיטן פון די קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור געלטער וואס וועלן באשיצן וואסער קוואליטעט, פארמיידן פארפעסטיגונג און פארבעסערן האביטאטס."

מער ווי $146 מיליאן ווערט געשאנקן היינט צו 81 פראיעקטן דורך די וואסער קוואליטעט פערבעסערונג פראיעקט (Water Quality Improvement Project, WQIP) שענקונג פראגראם געפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטל אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC). די WQIP שענקונג פראגראם שטיצט פראיעקטן וואס וועלן דירעקט פארבעסערן וואסער קוואליטעט אדער וואסער האביטאט, מוטיגן פארפלייצונג ריזיקע פארמינערונג, צוריקשטעלונג, און פארבעסערטע פארפלייצונג און קלימאט ריזיליענסי אדער באשיצן א טרינקען וואסער קוואל. נאך $2 מיליאן ווערט געשאנקן צו 35 פראיעקטן דורך די נישט-אגריקולטורישע נאנ-פוינט קוואל פלאנירונג און מוניציפאלע באזונדערע אפפאל סיסטעם מאפינג שענקונג ( Non-Agricultural Nonpoint Source Planning and Municipal Separate Storm Sewer System Mapping Grant, NPG) צו באצאלן פאר פראיעקטן וואס העלפן באצאלן פאר די ערשטע פלאנירונג פון נישט-אגריקולטורישע נאנ-פוינט קוואל וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקטן, אזויווי אונטערמאסיגע קאלווערט ערזעצונג און גרינע אינפרעסטרוקטור טעכנאלאגיעס, און סטעיט פערמיט-פארלאנגטע

שטורעם אפפאל מאפינג אין אורבאן ערטער. די פראיעקטן וועלן פארמינערן די מאס פון פארפעסטיגטע שטורעם וואסער אפלויף וואס גייט אריין אין טייכן און שטראמען, און פערבעסערן שטארקקייט קעגן די אפעקטן פון קלימאט טוישונגן.

די סטעיט שענקט $18 מיליאן דורך די גרין אינאוועישאן שענקונג פראגראם ( Green Innovation Grant Program, GIGP) און ענדזשינירינג פלאנירונג שענקונגען ( Engineering Planning Grants, EPG) געפירט דורך די ענווייראנמענטל פאסיליטיס קארפארעישאן ( Environmental Facilities Corporation, EFC). פון דעם, וועט $15 מיליאן אין GIGP שטיצן פראיעקטן וואס העלפן פארמינערן די אפעקט פון קלימאט טויש אין ענווייראנמענטל גערעכטיגקייט קאמיוניטיס. נאך $3 מיליאן אין EPG וועט העלפן 61 מוניציפאליטעטן אנטוויקלן ענדזשינירינג באריכטן צו שטיצן זייער ארבעט צו זיך בעסער באנוצן מיט סטעיט און פעדעראלע געלטערן און אוואניסרן פיסקעלי גוטע און גוט-אויסגעארבעטע פראיעקטן פאר בוי ארבעט.

EFC האט אויך היינט געמאלדן אז זיי נעמען אראפ די 300,000-באפעלקערונג גרעניץ אלס טייל פון די שוועריגקייט פינאנסירונג בארעכטיגטקייט באדינגונגען. אוועקנעמען די באפעלקערונג גרעניץ וועט ערלויבען גרעסערע מוניציפאליטעטן צו קאנקורירן פאר שוועריגקייט געלטער אויף ריינע וואסער פראיעקטן. צו זיין בארעכטיגט פאר פעדעראלע שענקונג, וואלט די שענקונג געדארפט ווערן געצילט צו בענעפיטן א ספעציפישע שוואכע קאמיוניטי אין א מוניציפאליטעט. דער טויש איז פארגעשלאגן פאר די 2025 געפלאנטע נוץ פלאן וואס וועט האלטן חשבון פאר וויאזוי די סטעיט ריוואלווינג געלטער ווערן אויסגעטיילט דורכאויס די פעדעראלע פיסקל יאר.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע קאנזערווירונג קאמישינאר און EFC באורד טשעיר באסיל סעגאס האבן געזאגט**, "גאווערנער האקול'ס אנהאלטנדע אינוועסטירן אין ניו יארק'ס וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערן וואסער קוואליטע און העלפן קאמיוניטיס איבער די שטאט זיך צופאסן צו די שוועריגרייטן אנגעמאכט דורךאונזער טוישנדע קלימאט. ווען גענוצט מיט פעדעראלע געלטער געלעגנהייטן דורך די בייפארטיזען אינפערעסטרוקטור געזעץ, טוט די $166 מיליאן שענקונג היינט געמאלדן אוואנסירן קריטישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן און אנדערע מוסנאמען צו באשיצן ניו יארק'ס וואסערן."

**EFC פרעזידענט און CEO מאוריקן א. קאלעמאן האט געזאגט**, "ריינע וואסער איז א רעכט, נישט א פארדינסט. מיר שטייען פעסט צו אונזער געטריישאפט צו באשיצן און פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין קאמיוניטיס וואס דארפן עס די מערסטע האבן דורך צושטעלן לעזונגען וואס מאכן פראיעקטן צוגענגליך, דערווייל וואס זיי זענען גוט פלאנירט און שטארק צו בענעפיטן די קומענדיגע דורות."

די WQIP שענקונג שליסט איין געלטער צוגעשטעלט דורך די לאנג איילענד סאונד שטודיע. מער ווי $5.8 מיליאן אין בייפארטיזען אינפערעסטרוקטור געזעץ געלטער דורך די U.S. ענווייראנמענטל שוץ אגענטור (Environmental Protection Agency, EPA) וועט שטיצן פארבעסערונגען פון די פארט וואשינגטאן וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל דיסטריקט'ס באהאנדלונג פלאנט אין נאסאו קאונטי. די געלטער וועלן גענוצט ווערן צו פארעסערן אומגעפער 16,000 לענגליכע פיס פון גראוויטי אפפאל מעין אינערהאלב זייער זאמלונג סיסטעם צו פארמינערן סאניטערי אפפאל איבערפליסונגען. די פארבעסערונגען וועלן פארשטערקערן די ארבעט צו פארבעסערן מאנהאסעט בעי'ס וואסער קוואליטעט און שטיצן די אנגייענדע ארעט צו צוריקשטעלן די לאנג איילענד סאונד.

**ענווייראנמענטל שוץ אגענטור ראיאן 2 אדמיניסטרעיטאר ליסע פ. גארסיע האט געזאגט**, "EPA איז שטאלץ אז מען האט אונז געשאנקן, דורך אונזער לאנג איילענד סאונד עסטועריע פראגראם, $5.8 מיליאן צו אינוועסטירן אין די וואסער קוואליטעט פארבעסערונג פראיעקטן אין די לאנג איילענד סאונד

וואסערשעדס. דורכאויס די לאנד אינוועסטירן מיר אין ריינע וואסער און שטעלן צו ביליאנען דאללארן צו פארבעסערן אונזער לאנד'ס וואסער אינפראסטרוקטור דערווייל וואס מיר פארזיכערן מענטשן'ס געזונט און שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס. דאס איז קריטישע מינוט צו דערהיינטיגן וואסער אינפראסטרוקטור אין ניו יארק סטעיט און מיר לויבן די סטעיט פאר'ן מאכן די וויכטיגע פארבעסערונגען, ספעציעל אין שוואכערע קאמיוניטיס."

**WQIP פראיעקט הויכפונקטן**

WQIP פראיעקטן שליסן איין מוניציפאלע אפפאל וואסער באהאנדלונג פארבעסרונגען, נישט-אגריקולטורישע נאנפוינט קוואל אבעיטמענט און קאנטראל, באקומען לאנג פראיעקטן פאר מקור וואסער שוץ, בויען פאר זאלץ אויפהאלטונג, וואקיום טראקס פאר מוניציפאל באזונדערע שטורעם אפפאל סיסטעם (municipal separate storm sewer system, MS4) ערטער, וואסער פארן צוריקשטעלונג, און מארין האביטאט צוריקשטעלונג. ניו יארק סטעיט טוט ווייטער לייגן געוויכט אויף געלטער פאר פאריעקטן וואס קענען העלפן פארמינערן די פאסירונג פון שעדליכע אלגאל בלומס ( harmful algal blooms, HABs). באלד האלב פון די WQIP און NPG שענקונגען, סך הכל אומגעפער $56 מיליאן, וועלן שטיצן פראיעקטן אין וואסערשעדס וואס זענען באוואוסט צו האבן געליטן פון oHAB אין די לעצטע פינעף יאר און/אדער העלפן איינפירן א פראיעקט אידענטיפיצירט אין א oDEC HAB אקציע פלאן. פולע ליסטע פון געשאנקענע קען מען זען https://dec.ny.gov/get-involved/grant-applications/wqip-program. ביישפילן פון די 81 פראיעקטן באצאלט אין די רונדע וואס צייכענען די גרייך פון WQIP שענקונגען שליסן איין:

**אפפאל-וואסער פארבעסערונגען פראיעקטן:**

- **באפעלא אפפאל אוטאריטעט - $10 מיליאן פאר אפפאל וואסער באהאנדלונג אינפראסטרוקטור, צאמגענומענע אבערפלוס/ריינקייט אפפאל איבערפלוס פארפעסטיגונג פארמינערונג (מערב ניו יארק):** באפעלא אפפאל אוטאריטעט (Buffalo Sewer Authority, BSA) וועט בויען אן אונטערערדישע אויפהאלט טונער לענגויס משרח דעלאוואן אוועניו צו צושטעלן א מינימום פון 1.5 מיליאן גאלאן פון אפפליין אויפהאלטונג. דער פראיעקט, אידענטיפיצירט אין BSA's לאנג-טערמיניגע קאנטראל פלאן, וועט פארמינערן די אפלויף וואס קומט אריין אין סקאדזשאקוואדע קריק פון צאמגעשטעלטע אפפאל איבערפלוס בשעת שווערע רעגן אדער שניי וואס ווערט צולאזט.
- **ווילעדזש פון ענדיקאט - $1,781,120 פאר אפפאל וואסער באהאנדלונג אינפרעסטרוקטור פאספארוס פארמינערונג (דרום טיער):** ענדיקאט וועט איבערמאכן אפפאל ליניעס און מאנהאולס און אוועקנעמען שטורעם וואסער פארבינדונגען וואס זענען אינעם אייגענטום פונעם מוניציפאליטעט פונעם סיסטעם אין אידענטיפיצירטע הויכע פריאריטעט ערטער. דער פראיעקט וועט פארמינערן די מאס פון פאספארוס וואס קומט אריין אין די סוסקוועהאנע טייך און טשעסאפיע בעיק וואסערשעד.
- **טאון פון אסוועגא - $1,000,000 פאר אפפאל וואסער באהאנדונג פאסיליטי פארבעסערונג (צענטראל ניו יארק):** די טאון פון אסוועגא ווערט נאכקומען דיסאינפעקשאן פון איר אפפאל וואסער פאר די סליפי האלאו אפפאל דיסטריקט דורך פארמאכן זייער יעצטיגע פאיסליטי און בויען אן פאמפ סטאנציע און צוואנג מעין צו שיקן זייער פלוס צו די סיטי פון אסוועגא'ס מערב זייט אפפאל וואסער באהאנדלונג פאסיליטי.
- **ווילעדזש פון ספעקיולעיטאר - $226,500 פאר אפפאל וואסער באהאנדלונג פאסיליטי פארבעסערונג (צפון קאנטרי):** ספעקיולעיטאר ווער דערהיינטיגן די אפפאל וואסער באהאנדלונג פאסיליטי דורך צולייגן א דיסאינעקשאן סיסטעם, דערביי פארבעסערן די סאקאנדאגא'ס וואסער קוואליטעט.

**נאנפוינט מקור אבעיטמענט און קאנטראל פראיעקטן:**

- **ווילעדזש פון לעיקוואוד - $244,876 צו בויען א וועטלאנד (מערב ניו יארק):** לעיקוואוד וועט ערזעצן א שטורעם וואסער באסיין מיט א נידריגע וועטלאנד טייכל סיסטעם צו כאפן און באהאנדלן שטורעם וואס פון אן ארט פון 109 אקערלאנד. דער פראיעקט וועט נוצן לאקאלע קערנדעל געמישן, לעבעדיגע סטעיקס, שראבס און ביימער צו פארמערן פלייץ רעזיליענסי דערווייל וואס עס פארמינערט נוטריענט אפלויף צו טשאוטשאוקוע לעיק.
- **עסעקס קאונטי ערד און וואסער קאנזערוועישאן דיסטריקט - $150,000 פאר א שאסיי דיטש סטאבילידזירונג פראגראם (צפון קאנטרי):** עסעקס און קלינטאל קאונטי ערד און וואסער קאנזערוועישאן דיסטריקטס וועלן ארבעטן מיט לאקאלע מוניציפאליטעטן צו סטאביליזירן שאסיי דיטשעס איבער די צווי קאונטיס דורך נוצן היידראסידינג, באקוקן דאמבעס, עראזשאן פאבריק, און סעדימענט באסיינען. דער פראגראם וועט פארמינערן שאסיי וועפונג און פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין טיילן פון סט. לארענס, אפפער האדסאן, און לעיק טשאמפליין באסיינען.
- **סענעקע קאונטי ערד און וואסער קאנזערוועישאן דיסטריקט - $60,000 פאר סטרימבאנק סטאבילידזירונג (פינגער לעיקס):** די דיסטריקט וועט סטאביליזירן א שטארק אויסגעוועפטע סטרימבאקנ אויף באראוס קריק וואס האט מיטגעמאכט אסאך לאנד אויסוועפונג וואס האט געפירט צו אומסטאבליזאציע פון די געוואוקסן און וואסער קוואליטעט. דער פראיעקט וועט פארמינערן נוטריענט אפלויף אין די קאיוגע לעיק וואסערשעד.

**לאנד אפקויף פראיעקטן צו באשיצן טרינקן וואסער מקורות:**

- **The Fingers Lakes Land Trust, Inc (FLLT) - $1,240,000 צו באקומען לאנד צו באשיצן אוואסקא לעיק (פינגער לעיקס):** FLLT וועט ארבעטן מיט לאנד אייגנטומערס און שותפים אין די אוואסקא לעיק וואסערשעד צו שטענדיג באשיצן אומגעפער 500 אקערלאנד דורך דירעקט באקומען דאס באנוצן פון אנגייענדע אויפהאלטונג איזמענטס. דער פראגראם וועט צילן אויף אויפהאלטונג און פירערשאפט ארבעט צו באשיצן אוואסקא לעיק, א טרינקן וואסער מקור.

**זאלץ אויפהאלטונג**

- **סיטי פון וואטערטאון - $406, 028 פאר א נייע זאלץ אויפהאלטונג פאסיליטי (צפון קאנטרי):** די סיטי וועט בויען א זאלץ אויפהאלטונג פאסיליטי צו צודעקן אן אפענע זאלץ אויפהאלטונג זאמלונג. דער פראיעקט וועט העלפן באשיצן די בלעק ריווער און לאנד וואסער אין א וויכטיגע אקופיר פון שאסיי זאלץ פארפעסטיגונג.

**וואסער פארבינדונג צוריקקערונג:**

- **טרויט אנלימיטעד, INC. (Trout Unlimited, Inc.) - $249,146 צו ווידער פארבינדן פיש איבערגאנג (צפון קאנטרי):** טרויט אנלימיטעד וועט ערזעצן צווי פריאריטעט סטרים קאלווערטס אויף די סאראנאק ריווער אין פרענקלין קאונטי. דער פראיעקט וועט צוריק פארבינדן 3.6 מייל פאר לאקאלע ברוק טרויט.

**מארין האביטאט צוריקקערונג:**

- **נארט שאר לאנד אלייענס - $192,969 פאר נאטורליכע האביטאט צוריקקערונג (לאנג איילענד):** דער אלייענס וועט צוריקשטעלן נאטורליכע האביטאטס און פארמינערן די ווירקונג פון שטורעם וואסער אויף א 40-אקערלאנד פארסעל אין קאלד ספרינג הארבאר. דער פראיעקט וועט פארבעסערן וואסער קוואליטעט און מארין האביטאט פאר לאנג איילענד סאונד.

## NPG הויכפונקטן

די פולע ליסטע פון NPG געשאנקענע קען מען זען https://dec.ny.gov/get-involved/grant-applications/non-agricultural-nonpoint-source-planning-ms4-mapping-grant. ביישפילן פון די 35 פראיעקטן באצאלט אין די רונדע וואס צייכענען די גרייך פון NPG שענקונגען שליסן איין:

**מוניציפאלע באזונדערע שטורעם אפפאל סיסטעם (MS4) מאפינג:**

- **דאטשעס קאונטי ערד און וואסער קאנזערוועישאן דיסטריקט - $180,000 פאר הדריי טאונס MS4 מאפינג (האדסאן וואלי):** די דאטשעס קאונטי ערד און וואסער קאנזערוועישאן דיסטריקט וועט ארבעטן מיט די טאונס לאגראנזש, פלעזענט וואלי, און הייד פארק צו פארענדיגן עיקר MS4 מאפינג עלעמענטן. די דיסטריקט וועט פארענדיגן פעלד ארבבעט צו טרעפן און מאכן אינווענטארן פון די שטורעם אפפאל פירונג סיסטעמען וואס וועלן איינשליסן רערן, דיטשעס, זאמלונג באסיינען, און אוטפאלס. דער פראיעקט וועט העלפן די טאונס ווייטער טרעקן, איבערקוקן, און אויפהאלטן זייער שטורעם וואסער פירונג סיסטעמען.

**נאנפוינט מקור פלאנירונג באריכטן:**

- **האמילטאן קאונטי ערד און וואסער קאנזערוועישאן דיסטריקט - $50,000 פאר האמליטאן קאונטי געריכטהויז קאמפלעקס גרינע אינפראסטרוקטור פיזאביליטי שטודיע (מאהאוק וואלי):** די האמילאן קאונטי ערד און וואסער קאנזערוועישאן דיסטריקט וועט פארענדיגן אן ענדזשינירינג פיזאביליטי שטודיע צו אפשאצן און אהערשטעלן גרינע שטורעם וואסער אינפראסטרוקטור ביי די האמילטאן קאונטי געריכטהויז קאמפלעקס אין די טאון פון לעיק פלעזענט. דער שטודיע וועט מאכן גרינע אינפרעסטרוקטור פארמינערונג סטראטעגיעס צו באהאנדלן שטורעם וואסער אפלויף פאר 5.65 אקערלאנד פון לאנד וואס זאפט נישט איין. דער פלאן וועט פירן צו פארמינערונג פון שטורעם וואסער אפלויף און קלארייד, פאספארוס, און נייטראדזשען פארפעסטיגונג אין לעיק פלעזענט.

## GIGP פראיעקט הויכפונקטן

GIGP שטיצט פראיעקטן איבער די סטעיט וואס נוצן גרינע שטורעם וואסער אינפראסטרוקטור דעזיין און גרינע טעכנאלאגיעס. די פולע ליסטע פון 10 פראיעקטן איז אוועילעבל אויף https://efc.ny.gov/gigp-2024. ביישפילן פון געשאנקענע פראיעקטן שליסן איין:

- **ערי קאונטי (מערב ניו יארק) - $3 מיליאן** צו אינסטאלירן מער ווי אן אקערלאנד פון גרינע דעכער אויף זייער צענטראלע לייבערערי אינעם הארץ פונעם שטאט באפעלאו. די קאונטי וועט טוישן די צענטראלע לייברערי צו אריינארבעטן א גרינע דאך און אינסטאלירן סאלער פאנעלס צו ווייטער מוטיגן אויפהאלטקייט. דער פראיעקט וועט פארמינערן צאמגעשטעלטע אפפאל איבערפלוס און פארבעסערן די וואסער קוואליטעט פון די באפעלא טייך און לעיק ערי.
- **סיטי פון מאונט ווערנאן (האדסאן וואלי) - $3 מיליאן** צו דערפרישן די פערטע גאס פארק מיט גרינע אינפראסטרוקטור פראקטיקן אריינגערעכנט בייאריטענשאן, רעגן גערטנער און אן אויבערפלאך וואס קען איינזאפן. דער פראיעקט וועט פארבעסערן פלייצונגען ביי די פערטע גאס פארק און העלפן פארבעסערן די קוואליטעט פון וואסער פון די האטשינסאן טייך. דער שענקונג ארבעט צוזאמען מיט ניו יארק סטעיט'ס $150 מיליאן צוזאג צו מאדערניזירן מאונט ווערנאן'ס אלטע אינפראסטרוקטור און צוריקדרייען יארן פון נישט אינוועסטירן פאר די ענווייראנמענטל גערעכיגקייט קאמיוניטי.

- **ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון ענווייראנמענטל שוץ (ניו יארק סיטי) - $3 מיליאן** צו איבערמאכן מערערע גאסן צו זיין גרינע גאסן אין ברוקלין און די בראנקס. די סיטי וועט אויך איבערארבעטן מידיענס מיט בייאריטענשאן און שטורעם וואסער גאסן ביימער צו העלפן פארמינערן אפלויף און צאמגעשטעלטע אפפאל איבערפלוס צו די איסט ריווער און דזשאמעיקע בעי.
- **טאון פון טיקאנדעראגע (צפון קאנטרי) - $1.8 מיליאן** צו אינסטאלירן 1,700 וואסער מיטערס אין די יעצט-נישט-געמיטערטע טאון. דער פראיעקט וועט העלפן דעם טאון נאכקומען וואסער נוץ ערלויבעניש רעגולאציעס און פארבעסערן די וואסער קוואליטעט פון די לאשוט ריווער.

**EPG פראיעקט הויכפונקטן**
דער רונדע פון EPG שענקונגען וועט באצאלן פאר ענדזשינירינג קאסטן צו העלפן אנהויבן פלאנירונג פאר 61 אפפאל פראיעקטן. די פלאנירונג שענקונגען העלפן קאמיוניטיס זיך גרייטן זיך צו אנווענדן פאר שענקונגען און פינאנסירונג דורך די ריינע וואסער סטעיט ריוואלווינג פאנד ( Clean Water State Revolving Fund, CWSRF) געפירט דורך די EFC. פלאנירונג גרענטס העלפן פינאנצירן די אנטוויקלונג פון אן אינזשינערונג באריכט, וועלכע עס ווערט געפאדערט אין דעם EFC פינאנצירונג אפליקאציע פראצעס. EPG׳ס העלפן מוניציפאליטעטן פאראויס-פירן פינאנציעלע-אויסגעהאלטענע און גוט-אויספלאנירטע פראיעקטן אויף קאנסטרוקציע. א ליסטע פון געשאנקענע איז אוועילעבל אויף [https://efc.ny.gov/epg-2024](https://efc.ny.gov/epg-2024). ביישפילן פון געשאנקענע פראיעקטן שליסן איין:

- **סיטי פון שענעקטעדי (קאפיטאל ראיאן) - $50,000 צו שטודירן** די דאונטאון דיסטריקט פאמפ סטאנציע מאדערניזירונג פראיעקט.
- **ליווינגסטאן קאונטי וואסער און אפפאל אוטאריטעט (פינגער לעיקס) - $100,000** צו שטודירן אפציעס פאר אפפאל איבערפלוס פארבעסערונגען אין קעמפ ראן.
- **סיטי און דזשעימסטאון (מערב ניו יארק) - $100,000** צו שטודירן אפציעס פאר איינפלאס און איינזאפונג.

**קוועלער פון געלטער**
WQIP איז מערסטנס געשטיצט דורך די סטעיט'ס ענווייראנמענטל שוץ פאנד ( Environmental Protection Fund, EPF) און ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג אקט ( Clean Water Infrastructure Improvement Act, CWIA); NPG ווערט געשטיצט דורך די GIGP; EPF ווערט געשטיצט דורך די CWSRF און EPG איז געשטיצט דורך EFC אדמיניסטריווע געלטער. גאווערנאר האקול'ס 2024-25 עקזעקיוטיוו בודזשעט האלט אויף די EPF מיט א היסטארישע $400 מיליאן. די EPF שטעלט צו פינאנצירונג פאר קריטישע ענווייראמענטאלע פראגראמען, צום ביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון אריינדרינגענדע פרעמדע באשעפענישן, פארבעסערונג פון פארוויילונג ערטער, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און אן אגרעסיווע ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט אגענדע.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו ריינע וואסער**
ניו יארק סטעיט טוט ווייטער פארמערן איר לאנד-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, [אריינגערעכנט $325 מיליאן פון שענקונג געלעגנהייטן יעצט אוועילעבל](). מיט גאווערנער האקול'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט'ס פארגעשלאגענע 500 מיליאן דאלאר אויסגעשפרייט איבער צוויי יאר, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור זינט 2017. בלויז אין די לעצטע צוויי יאר, איז מער ווי $5 ביליאן פון סטעיט און פעדעראלע געלטער און פינאנסירונג געשאנקן געווארן צו קאמיוניטיס איבער די סטעיט. אויך טוט אן איניציאטיוו פון גאווערנאר האקול'ס 2024 סטעיט און די סטעיט אדרעס פארמערן וואסער אינפראסטרוקטור שענקונגען פאר קליינע, רורעל,

און שוואכע קאמיוניטיס פון 25 צו 50 פראצענט פון נעט בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן צו העלפן שטיצן קלענערע קאמיוניטיס.

די געלטער זענען אין צוגאב צו אנדערע מערקווערדיגע וואסער קוואליטעט אינוועסטירונגען, אריינגערעכנט ווײלער באשטעטיגטע $4.2 ביליאן ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראנמענט באנד אקט פון 2022,וואס שטופט היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן און פלאנצונגען וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון געלטער אונטער די ענווייראנמענטל באנד אקט איז געגעבן געווארן דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנאר האקול האט געמאלדן $479 מיליאן אין שענקונגען צו 156 פראיעקטן איבער די סטעיט. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום ווייניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באַנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט.

**איבער די קאַנסאָלידעיטעד פאַנדינג אפליקאציע**
די גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן זענען ארויסגעגעבן געווארן נאכפאלגנדיג די פארענדיגונג פון די 'קאַנסאָלידעיטעד פאַנדינג' אפליקאציע ( Consolidated Funding Application, CFA) פראצעדור. דער CFA איז געמאכט געווארן צו אויסגלייכן און פארשנעלערן שענקונג אפליקאציעס און צייכנט א פונדאמענטאלע ענדערונג אין דעם אופן וואס סטעיט רעסאָרסן ווערן אלאקירט, פארזיכערנדיג ווייניגער ביוראקראטיע און מער ווירקזאמקייט צו ערפילן ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געברויכן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאַנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט טוהען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן ניצן דער CFA אלס א שטיצע מעכאניזם צו האבן צוטריט צו מערערע סטעיט פינאנצירונג קוועלער דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעס שנעלער, גרינגער, און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער די CFA אויף https://apps.cio.ny.gov/apps/cfa/.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן